בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִּישׁ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון קמ"ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת צו - שבת הגדול
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - גֶעדֶענְקֶען דִי קִינְדֶער יָארְן -

#### זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן

יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי וָועն מֶען גֵייט אוֹיפְן וֶועג צוּ דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען דִי אוֹיפְפִירוּנְג אוּן דִי גֶעפִילְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער יָארְן. ווִי אַזוֹי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אִין כִּתָּה, וֶועלְכֶע פְּחָדִים אוּן זַאכְן הָאבְּן אֲוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם מֹחַ פוּן זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּם לֶערְנֶען, אוּן ווִי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וָוען מֶען הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין גוּט, נָאר דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטְרֶענְג, מֶען אִיז גֶעוָוארְן אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן כִּתָּה, אוּן אַמָאל גֶעוָוארְן אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט, ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דָאס הַארְץ אוּן מֹחַ, אוּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז מֶען ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט.

אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין אִין דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, וֶועט דִי גַאנְצֶע טָאג זַיין אַנְדֶערְשׁ. מֶען וֶועט זִיכֶער טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ יֶעדְן קִינְד, אֲפִילוּ צוּ דִי קִינְדֶער וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט זֵיי; ווַייל מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז בֶּאֱמֶת ווִיל דָאס קִינְד זַיין גוּט, נָאר אַ קִינְדְ'ס מֹחַ לוֹיפְט שְׁטַייטֶער אוּן שְׁוַואכֶער פוּן אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ אוּן דָאס קִינְד מֵיינְט גָארְנִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס.

מֶען זֶעט דָאךְ קְלָאר אַז עַל פִּי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן קִינְדֶער פַאר זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים; אַ אִינְגְל פַאר דִי דְרַייצְן יָאר אוּן אַ מֵיידְל פַאר דִי צְוֶועלְף יָאר, פַארְוָואס? ווַיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין אֵייגֶענֶע פַארְשְׁטַאנְד קֶענֶען זֵיי נִישְׁט טְרָאגְן קֵיין אַחְרָיוּת אוֹיף זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים; מֶען דַארְף זֵיי נָאךְ אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן. דֶערִיבֶּער קֶען מֶען זֵיי נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן אָדֶער אָפְּ'פַּסְלְ'ן צוּלִיבּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

#### אוֹיבּ אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלַאנְגֶען

עֶס אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע אוּן ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד אִין חִינּוּךְ: אַז מֶען ווִיל עֶפֶּעס פוּעֶלְ'ן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דַארְף זַיין לִיבְּשַׁאפְט. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז דָאךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט בַּאפֶעלְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (רַשִׁ"י פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, פָּסוּק א' דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה): **"לְכָל דִּבְּרוֹת וּלְכָל אֲמִירוֹת וּלְכָל צִוּוּיִים"**, וָוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **"קָדְמָה קְרִיאָה לְשׁוֹן חִבָּה"**, הָאט עֶר אִים קוֹדֶם גֶערוּפְן מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, **"לָשׁוֹן שֶׁמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מִשְׁתַּמְּשִׁין בּוֹ"**, מִיט אַ וֶועג ווִי דִי מַלְאָכִים רֶעדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט וָואס עֶר דַארְף טוּן.

ווַייל אוֹיבּ אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלַאנְגֶען אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פוּעֶלְ'ן. אָבֶּער אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קֵיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן נָאנְטְקֵייט - אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן, ווַייל נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, נָאר עֶס וֶועט נָאךְ עֶרְגֶער מַאכְן.

#### מְחַנֵּךְ זַיין אָן קֵיין שִׂנְאָה

עֶס טָאר נִישְׁט זַיין קֵיין הֶפְקֵרוּת אִין אַ כִּתָּה, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן, ווַייל אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ שִׂנְאָה צוּ אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, מֶען דַארְף ווַייטֶער לִיבּ הָאבְּן דָאס קִינְד אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעמָאל גֶעפָאלְגְט אַלְס קִינְד; קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן נִישְׁט זֶענֶען נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי נָאר מְחַנֵּךְ זַיין אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן.

אוֹיבּ אַ קִינְד דַאוֶוענְט נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, אָדֶער אַ קִינְד הָאט גֶעמַאכְט אַ פַאקְס פוּן הִינְטֶער דֶעם מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין, דַארְף מֶען פַארְלַאנְגֶען פוּנֶעם קִינְד צוּ דַאוְוענֶען אוּן צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער אִין הַארְץ דַארְף מֶען וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן דָאס קִינְד.

מֶען דַארְף אַרַיינְטְרַאכְטְן אוֹיבּ מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶען נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט אַלְס קִינְד? מִיר הָאבְּן דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט גֶעהֶערִיג, מֶען הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט כְּאִילוּ מֶען דַאוֶוענְט... מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַמָאל גֶעמַאכְט אַ פַאקְס פוּן הִינְטֶער אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיךְ גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס זָאלְן מִיר וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט וָוען אַ קִינְד פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיךְ?!

## צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ פָארְהַאלְטְן אַ קִינְד

אוֹיבּ מֶען דַארְף אַמָאל פָארְהַאלְטְן קִינְדֶער אוּן זֵיי זָאגְן: **"אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט עֶטְץ זֶענְטְס שׁוֹין עֶרְוַואקְסְן; מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ רֶבִּי אוּן צוּ אַ לֶערֶרִין, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ"**, זֶענֶען דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי דָאס קֶען גֶעזָאגְט וֶוערְן; אֵיין וֶועג אִיז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער וִוי בֶּעבִּיס אוּן זֵיי נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן. דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט קֵיין רִיכְטִיגֶע וֶועג, וַוייל לָאמִיר זִיךְ אַלֵיינְס פְרֶעגְן: 'וִוי גְרוֹיסֶע בֶּעבִּיס זֶענֶען דִי קִינְדֶער? פִּינְקְט אַזֶעלְכֶע בֶּעבִּיס וִוי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען - וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר יָארְגַאנְג'...

דִי צְוֵוייטֶע וֶועג אוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז, צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אִינֶעוֵוייניג אִין הַארְץ זָאל מֶען טְרַאכְטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער: 'זֵיי זֶענֶען לִיכְטִיגֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער, נָאר זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אַלְס קִינְד'.

## אֶפְשָׁר זֶענֶען דִי בָּחוּרִים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט?

אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג אִין יְשִׁיבָה צוּזַאמֶען מִיט בָּחוּרִים, בִּשְׁעַת אִיךְ בִּין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ פִירְן זִיךְ דִי בָּחוּרִים גֶעוֶוועגְלִיךְ אוֹיף זֵייעֶר פֵיין, אָבֶּער וֶוען אִיךְ גֵיי אַרֵיין אִין מַיין אָפִיס צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון וְכַדוֹמֶה, הֶער אִיךְ אַרֵיין אִין אָפִיס קוֹלוֹת פוּן דִי בָּחוּרִים, וִוי זֵיי טַאנְצְן אוֹיף טִישְׁן, זֵיי שְׁפְּרִינְגֶען, וַוארְפְן אוּן דְרֵייעֶן אִיבֶּער. אַסַאךְ מָאל וִויל אִיךְ אַרוֹיסְקוּמֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי אָנְשְׁרֵייעֶן; אִיךְ טְרַאכְט: 'גֶענוּג אִיז גֶענוּג... אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ זֵייעֶרֶע ווילְדֶערֵייעֶן'. אָבֶּער דֶערְנָאךְ דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, פַארְשִׁידֶענֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַלְס בָּחוּר, וִוי אִיךְ בִּין אַמָאל אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אַ פֶענְסְטֶער אִין יְשִׁיבָה וְכוּ'. אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען מַיין אֵייגֶענֶער מַגִיד שִׁיעוּר, וָואלְט אִיךְ זִיךְ דֶען גֶעשְׁטְרָאפְט? זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל אִיךְ וֵייס בַּיי מִיר אַז עֶכְט בִּין אִיךְ גוּט, עֶכְט בִּין אִיךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, נָאר אִיךְ בִּין פָּשׁוּט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, אָדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט, אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער זָאגְט דֶען אַז דִי בָּחוּרִים זֶענֶען יָא שׁוּלְדִיג, אֶפְשָׁר זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ בֶּאֱמֶת גוּט, נָאר זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, אָדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דִי לֶעצְטֶע מִינוּט!'

## רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אַלְץ שְׁפֶּעט

אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס קוּמְט שְׁטֶענְדִיג שְׁפֶּעט, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד צוּ קוּמֶען בַּאצַייטְנְס, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאל מֶען קוּקְן אוֹיפְן קִינְד מִיט אַ גוּט אוֹיג, מֶען זָאל וִויסְן אַז בֶּאֱמֶת ווִיל דָאס קִינְד קוּמֶען צַייטְלִיךְ נָאר עֶר אִיז פָּשׁוּט פַארְשְׁלֶעפְּט צוּלִיבּ זַיין נַאטוּר.

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּדְר'דִיג, פִּינְקְטְלִיךְ אוּן שַׁארְף; זֵיי הֵייבְּן אָן יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פַאר דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט. מִיטְוָואךְ הֵייבְּן זֵיי שׁוֹין אָן מִיט דִי הֲכָנוֹת אוֹיף שַׁבָּת, אוּן בְּדִיקַת חָמֵץ בַּיינַאכְט לִיגְט שׁוֹין זֵייעֶר קִיטְל, גַארְטְל אוּן וַוייסֶע קַאפְּל גְרֵייט צוּם בַּאנִיץ. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אָן צוּ יֶעדֶע זַאךְ מִיט פוּפְצְן מִינוּט שְׁפֶּעטֶער; זֵיי דֶערְמַאנֶען זִיךְ עֶרְשְׁט פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אָנְצוּהֵייבְּן זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף שַׁבָּת, אוּן טֵייל זַאכְן דֶערְמַאנֶען זֵיי זִיךְ עֶרְשְׁט פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס... דִי זֶעלְבֶּע מֶענְטְשְׁן דֶערְמַאנֶען זִיךְ פֶּסַח בַּיינַאכְט בִּשְׁעַת זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאגְן: **"קַדֵשׁ, וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל, טוּט עֶר זִיךְ אָן דִי וַוייסֶע קִיטְל..."** - 'אוֹי, וואוּ אִיז מַיין קִיטְל? אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ מוֹצָאֵי יוֹם כִּפּוּר'...

אִיךְ הָאבּ אַ חַבֶר אַ מְלַמֵד, הָאבּ אִיךְ אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִויפִיל אַזֵייגֶער עֶס אִיז, גֶעבְּט עֶר אַ קוּק אוֹיף זַיין זֵייגֶער אוּן עֶר זָאגְט מִיר: **"דֶער זֵייגֶער וַוייזְט אוֹיף הַאלְבּ נַיין, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נָאר פוּפְצְן מִינוּט נָאךְ אַכְט, וַוייל מַיין זֵייגֶער אִיז אָנְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט פוּפְצְן מִינוּט פָארְאוֹיס"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס הָאסְטוּ עֶס אַזוֹי אָנְגֶעשְׁטֶעלְט?"** הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין בַּאצַייטְנְס צוּ גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זַיין נַיין אַזֵייגֶער אִין חֵדֶר, קוּם אִיךְ אָן פוּפְצְן מִינוּט נָאךְ נַיין, דֶערִיבֶּער שְׁפִּיל אִיךְ זִיךְ אַלֵיין אוֹיס, אִיךְ שְׁטֶעל אָן מַיין זֵייגֶער מִיט פוּפְצְן מִינוּט פָארְאוֹיס, אוּן דָאס הֶעלְפְט מִיר אָנְקוּמֶען אִין חֵדֶר אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט"**.

אִיךְ גֶעדֶענְקְט אוֹיךְ פוּן אַלְס קִינְד בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים, אַז דִי גְרוֹיסֶע זֵייגֶער וָואס אִיז גֶעהָאנְגֶען אוֹיפְן וַואנְט אִין קָאךְ אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט צֶען מִינוּט פָארְאוֹיס, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען אִין בָּארָא פַּארְק, פְלֶעגְן מִיר אַסַאךְ אַרֵיינְפָארְן צוּ אִיר, אוּן אַזוֹי וִוי מַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן פַארְפַּאסְן דִי בָּאס, הָאט זִי אָנְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם זֵייגֶער מִיט צֶען מִינוּט פָארְאוֹיס, כְּדֵי מִיר זָאלְן מֵיינֶען אַז עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען בַּאצַייטְנְס צוּ דִי בָּאס.

הָאט מִיר דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵד: **"אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אִין נַאטוּר זֵייעֶר אַ פִּינְקְטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, דוּ קוּמְסְט אָן פוּפְצְן מִינוּט אָדֶער אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פְרִיעֶר צוּ יֶעדֶע זַאךְ, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי שְׁפֶּעטֶע קִינְדֶער, זָאלְסְט וִויסְן אַז בֶּאֱמֶת ווִילְן זֵיי אוֹיךְ זַיין צַייטְלִיךְ, נָאר זֵייעֶר נַאטוּר לָאזְט זֵיי פָּשׁוּט נִישְׁט. מַיין נַאטוּר אִיז צוּ זַיין שְׁפֶּעט אוּן מַיינֶע מְלַמְדִים פְלֶעגְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר: 'וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אַן אוֹיסְפְלוּג, וָואלְסְטוּ אוֹיךְ דֶעמָאלְט פַארְשְׁלָאפְן?!' לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע פַארְשְׁלָאפְן אַלֶע אוֹיסְפְלוּגְן, אוּן עַד הַיוֹם קוּם אִיךְ אָן שְׁפֶּעט צוּ יֶעדֶע זַאךְ"**.

אוֹיבּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועג; פוּן אֵיין זַייט פַארְלַאנְגְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גֶעדֶענְקְט מֶען אִינֶעוֵוייניג אִין הַארְץ אַז אַזוֹי זֶענֶען קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן בֶּאֱמֶת זַיין גוּט, נָאר זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט עֶרְוַואקְסְן, וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

## מיין בחור קומט אהיים פון ישיבה, ווי אזוי גיב איך זיך אן עצה מיט אים?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

עס קומט בין הזמנים, און אונזער בחור קומט אהיים פון ישיבה פון אויסלאנד, ער איז א שווערער בחור וואס איז שווער זיך אויסצוקומען מיט אים, און יעדע בין הזמנים ווען ער קומט אהיים ליידן מיר אסאך פון אים. אפשר קען דער ראש ישיבה שליט״א אונז געבן הדרכה ווי אזוי אים אויפצונעמען און ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט אים?

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך – יום א' פרשת האזינו, ז' תשרי, שנת תש״פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

נעם די עצה פון רבי'ן, די עצה פון אזמרה; זוך אויף אין אים גוטע זאכן, גוטע נקודות. דו צוזאמען מיט דיין ווייב זאלן זוכן אין אים גוטע זאכן און מאכן דערפון אן עסק, איר זאלט באמת זיין איבערצייגט אין די גוטס וואס ער האט וועט איר נישט ליידן פון אים און ער וועט נישט ליידן פון אייך, אבער כל זמן איר וועט קוקן אויף זיינע שווערע נאטורן, ער וועט שפירן אז טאטע און מאמע האלטן נישט פון אים, וועט איר ליידן פון אים און ער וועט ליידן פון אייך; איר דארפט רחמנות האבן אויף אים וועט ער זיך קענען טוישן צום גוטן.

(דאס איז פשט פארוואס מען זעט קינדער וואס זענען זייער וואויל אין שטוב און אין חדר זענען זיי נישט גוט, אדער פארקערט – אין חדר זענען זיי גוט אבער אין שטוב ליידט מען פון זיי, ווי קען זיין אז דער זעלבער קינד זאל זיין פארקערט? דאס איז ווייל אין שטוב האלט מען פון אים, וועט ער זיך צושטעלן און זוכן ווי ער קען זיין בעסער, בשעת וואס אין חדר קוקט דער מלמד אויף אים שלעכט וועט דער קינד זיך נישט צושטעלן, און אזוי אויך פארקערט).

פון ווען ער קומט אהיים זאלט איר אים אויפהייבן און אים געבן כבוד, וועט ער פרובירן צו זיין נאך בעסער. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א', סימן רב): "כל מי ששכלו קטן ביותר, צריך לחלק לו כבוד ביותר", ווער עס האט ווייניג שכל דארף מען אים געבן מער כבוד, "כי כל מה ששכלו יותר קטן, הוא יותר חפץ בכבוד", ווייל ווי ווייניגער שכל מען האט אלץ מער דארף מען כבוד; זאלט איר אים שטענדיג הייבן, וועט ער וועלן זיין נאך מער, ער וועט זיך פירן צו אייך מיט דרך ארץ.

איך זאג דיר נאכאמאל, מיט דעם וועג פון "אזמרה" וועסטו מצליח זיין; עס ארבעט וואונדערליך, עס איז אן עצה סיי פאר עלטערן מיט קינדער און סיי פאר מחנכים צו מצליח זיין מיט תלמידים, אזוי ווי דער רבי פירט אויס (ליקוטי מוהר״ן, חלק א', סימן רפב) אז דאס איז פשט וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת יא.): "באמת אמרו החזן רואה היכן תינוקות קוראין", ווער עס איז א חזן ער קען מאכן ניגונים; דער וואס קען ארויסנעמען דאס גוטס פון יעדן תלמיד דער קען מאכן די קינדער זאלן לערנען און דאווענען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א גמר חתימה טובה.

...

(עצתו אמונה יום טוב סוכות תש״פ)

## עס איז זייער וויכטיגע מחנך זיין די קינדער מיט די הייליגע מצוות

בעזרת ה' יתברך – יום ה' פרשת אחרי א', י״ג ניסן, שנת תשפ״ב לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט נאכט איז ליל בדיקת חמץ; ווען עס ווערט דער זמן טאר מען גארנישט טון, מען טאר נישט עסן און נישט לערנען – נאר גלייך בודק חמץ זיין.

מאך בדיקת חמץ מיט די קינדער; נעם יעדן קינד מיט, געב יעדן עפעס; איינער זאל האלטן די לעפל, א צווייטער די פעדער, דער דריטער זאל האלטן דעם זעקל און ציילן וויפיל ברעקלעך מען האט שוין געטראפן, דעם פערטער זאל שלעפן דעם לייטער און אזוי ווייטער; אלע זאלן מחונך ווערן מיט די הייליגע מצות.

עס איז זייער וויכטיג מחנך זיין די קינדער מיט די הייליגע מצוות, זיי זאלן זיין א חלק ביים מאכן די מצות; אזוי גייט אריין די מצות אין זייערע ביינער, עס בלייבט אין זיי איינגעקריצט.

מען פירט זיך אוועקצולייגן צען ברעקלעך חמץ און דאס צאמנעמען ביים בודק חמץ זיין, דאס לייגט מען אוועק צו פארברענען; אנדערע חמץ – ווארף אלעס אוועק אין די מיסט; ביים פארברענען די חמץ דארף מען נישט מער ווי די צען ברעקלעך.

נאכן בודק חמץ זיין זאלסטו זאגן דעם ערשטן "כל חמירא", אויך די יהי רצון וואו מען בעט דעם אייבערשטן מיר זאלן שוין זוכה זיין אויסצורוטן דעם יצר הרע, מיר זאלן האבן א ריינע מח, א ריינע הארץ, א ריינע לעבן, אן קיין שום קשיות אויפן אייבערשטן, אן קיין שום עבירות.

מארגן ערב פסח דארפן די בכורים מאכן א סיום מסכתא, אדער הערן א סיום; נאר אזוי קען מען עסן.

איך דארף מקצר זיין, איך גיי שוין באלד שעפן מים שלנו פאר די ערב פסח מצות, דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין נאך די יאר לאכל מן הזבחים ומן הפסחים.

א כשר'ן פריילעכן יום טוב

...

(עצתו אמונה פרשת אחרי תשפ״ב)

## נעם מיט די קינדער צו די פסח הכנות, לאז זיי נישט אויף הפקר

בעזרת ה' יתברך – יום ד' פרשת צו, ז' ניסן, שנת תשפ״ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

נעם דיינע קינדער מיט דיר, לאז זיי נישט אויף הפקר, נעם זיי מיט דיר באקן מצות, שעפן מים שלנו און אנדערע הכנות. עס איז וויכטיג אז די קינדער זאלן זיין פארנומען

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

מִיט דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, זֵיי זָאלְן אַלֶעס מִיטְהַאלְטְן. דַיינֶע גֶעלְט זַאכְן וְכוּ׳ – דַארְפְן זֵיי נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט נֶעמֶען דִי קַאר פוּנֶעם דִילֶער – אִיז נִישְׁט ווִיכְטִיג זֵיי זָאלְן מִיטְגֵיין, אָבֶּער בַּיי מִצְוֹת אוּן דִי הֲכָנוֹת פַאר מִצְוֹת – זָאלְסְטוּ זֵיי אַלְץ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם דַיין פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ – גֵיי מִיט דַיין זוּן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָּנוּ – נֶעם מִיט דַיין זוּן, אוּן בַּיים בַּאקְן מַצּוֹת. אוֹיךְ בַּיים פֶּסַח מַאכְן שְׁפַּאן-אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי הֲכָנוֹת פַאר מַצּוֹת.

מוֹהֲרַאַ״שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִי עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג מִיט זַיין זוּן בַּיים אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן שְׁטֵייט דָארְט אַפָּאר מִינוּט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּסְטוּ דָא?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיין קִינְד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". (ווִי עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אִיז דִי מַעֲשֶׂה גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרַאַ״שׁ אַלֵיינְס).

בְּנוֹגֵעַ אֲוֶועקְפָּארְן; פֶּסַח אִיז אַ יוֹם טוֹב וָואס מֶען אִיז אִין שְׁטוּב, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. פֶּסַח אִיז מֶען אָדֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף הֶעלְפְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ״ג)

## מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁר'ן דִיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב ווִילְן מִיר שׁוֹין כַּשְׁר'ן, מִיר ווִילְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן קָאכְן פַאר יוֹם טוֹב, דָאךְ וֶועלְן מִיר וַוארְטְן צוּ כַּשְׁר'ן בִּיז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר. מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁר'ן דִיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּב, זֵיי זָאלְן זֶען ווִי מֶען גִיסְט דִי הֵייסֶע בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער, ווִי עֶס טוּט זִיךְ אוּן ווִי עֶס גִיסְט זִיךְ... זֵיי זָאלְן זֶען ווִי אַזוֹי מֶען גְרֵייט אָן אַ יוֹם טוֹב, ווִי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם פֶּסַח.

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וָואס קִינְדֶער זֶעעֶן אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן – דָאס בְּלַייבְּט זֵיי, מִיט דֶעם וַואקְסְן זֵיי אוֹיף. רַבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז חִינוּךְ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה – אַזוֹי ווִי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת"; רַבִּי נָתָן פְלֶעגְט אוֹיפְבְּלַייבְּן צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת.

זַיי בּוֹדֵק-חָמֵץ דַיין טֶעלֶעפָאן; מֶען דַארְף דָאס כַּשְׁר'ן, עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אִין דֶעם.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ״ב)

## גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח צוּ דִי סְדָרִים, אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין – אִיז רִיכְטִיג צוּ גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן פַאר פֶּסַח, צוּ דִי סְדָרִים. אִיר וֶועט נָאךְ מַאכְן שֵׁיינֶע סְדָרִים בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט אִיר מַאכְן דִי סְדָרִים אִין שְׁטוּב, יֶעצְט אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין זֶען סְדָרִים – אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן, זִיךְ גוּט צוּקוּקְן ווִי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן סְדָרִים אוּן ווִי זֵיי גֶעבְּן אִיבֶּער דִי אֱמוּנָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח; מוֹהֲרַאַ״שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען פֶּסַח אַלֶעס וָואס הָאט אַ הֶכְשֵׁר. עֶס אִיז ווִיכְטִיג פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן אַלֶע נַאשֶׁערֵייעֶן אוּן אַלֶע קֶעִיקְס, סִירִיעֶל וְכַדוֹמֶה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי יָמִים טוֹבִים מִיט שִׂמְחָה אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָּׁה פוּן פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא תשפ״ג)


### חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



### קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876